און מיט באַשטענדיגער געלויכטן. האָט ער אָפּגעשיינט; האָט זיך דער טאָג דאַן פאַמעליך און צום פאַרנאַכט־צו זיך רוקן און אַרויסרוקן גענומען, און פון שטיבעלע און פון דעם, וואָס קומט פאָר אין שטיבעלע, דאָס ליכט און אַרויסציהען פאַמעליך; האָט ער דאָס אַרויסגעצויגן און דאָס שטיבעלע אין אַ שטיל־טונקלקייט געלאָזט, אין אַן אומעטיגליכן און אין אַ פעלדישן, אין אַ שווייגנדיגן און אין אַ פאַרנאַכטישן אין פעלד; האָט דאָס שטיבעלע דאַן ווי טרויערן גענומען: מיטן פענסטערל מיטן איינעם און מיט טירעלע פון חורבה, און מיט ווענטעלאַך אינעווייניג און מיטן בעטל דאָרט, וואָס איז מיט דעם זקן־ליגנדיגן געשטאַנען. איז דער אַלטער דאַן אַזוי אויסגעצויגן און פאַרן אויסגיין געלעגן, מיט קוק אין סטעליע קוקנדיג און גאָרנישט דאָרטן זעהענדיג, און דאָס יינגל איז איבער אים געשטאַנען און אויף זיין אַרויפקוקן געקוקט. האָט אין דער מינוט פונם עק־פעלד פון ווייטן די זון מיט אַ לעצט־שטראַל אין פענסטערל און אין שטיבעלע אַריינדערלאַנגט, און אַריינגעשיקט און אַריינגעשיינט און אויפן פנים פון זקן דאָס אָפּגעשלאָגן, און שטיל און דערויף אַזוי אָפּשלאָגנדיג, האָט ווי מיטן טאָג און מיטן פעלד, מיטן שטיבעלע און מיט דעם לעבן אין שטיבעלע זיך אָפּגעזעגנט.

האָבן זיך אין דעם מאָמענט ביים זקן און פאַרן סוף די אויגן אויסגעלייטערט, האָט ער זיי פון סטעליע און פון לאַנגן אַרויפקוקן צוגענומען, האָט ער זיי אויפן יינגל, וואָס פאַר און נעבן אים שטייענדיגן, געקערעוועט, האָט ער אויף אים אַ קוק געטאָן און אים באַטראַכט מיט זיי, און באַלד, און אים אָפּגעבאַטראַכט, אים אַזוי געזאָגט:

— „קינד מיינס... דו האָסט מיר געדינט און מיר געטריי געווען, דו האָסט מיך געערט און חשוב געהאַלטן, און מיך געטרייסט און אונטערגעהאַלטן מיין עלטער. ווינש איך דיר דערפאַר און באַגער: אַ לעבן און אַ ליב־האָבנדיגס, אַ יוגנט און אַ טרייסט־טראָגנדיגע, און פאַר מלכים זאָלסטו שטיין, און מלכים זאָלסטו טרייסטן.

און הער: — מיין לעצטע שעה פון מיין דאָ אין לעבן זיין איז געקומען, און באַלד ווערט ביי מיר דער לעצטער כוח־שפור און דאָס לעצטע לעבן־נשאר צוגענומען, וועל איך דאָ אויף דעם בעטל בלייבן, וועל איך דאָ אַ טויטער ליגן, זאָלסט דו מיך אין שטיבעלע פאַרלאָזן. זאָלסט דו נאָר נאָך זיך די טיר פאַרמאַכן, זאָלסט דו באַלד פון דאַנען אַוועקגיין, און באַלד און ביי דעם ערשטן אַרויסגיין דיינעם וועט דיך דאָס ערשטע באַגעגעניש באַגעגענען און מיטן ערשטן לעבן־רוף דיך רופן"...

איז אַזוי טאַקע געווען. באַלד האָט דער אַלטער פונם יינגל זיך אָפּגעקערעוועט און פון צו אים צו רעדן אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ער ווייטער די אויגן צו דער סטעליע אויפגעהויבן און מיט זיי אַרויפגעקוקט און פון דאָרט זיי שוין נישט צוגענומען; האָט ער אַהין געקוקט און שטיל דאַן, און ביז זיי האָבן זיך אים פאַרמאַכן גענומען, האָט ער זיי פאַרמאַכט און אויסן געבליבן, איז ער אַזוי ליגנדיג און באַרוהט געוואָרן, און שטיל און אַזוי באַרוהט בלייבנדיג, האָט די נשמה זיין גאָט און זיין אָטעם דעם שטיבעלע אָפּגעגעבן...

איז דאָס יינגל אַ ווײַלע נאָך אַזוי איבער זיין געלעגער געשטאַנען, געזאַמט און אויסגעוואַרט, אויפן טויטן געקוקט און אין זיין טויטקייט זיך איבערצייגט. איז ער באַלד פון אים אָפּגעגאַן, האָט ער זיך מיטן אַלטן און ווי געזעגנט אָפּגייענדיג, האָט ער דאָס שטיבעלע פאַרלאָזט און אין דרויסן אַרויסגעגאַן, נאָך זיך דאָס טירעלע פאַרמאַכט און אויף דער קלאַמקע אין שטילן, און באַלד און נאָכן אָפּגיין נאָך דאָרטיגן, האָט זיך אויפן פעלד, און פון וואַנען ער איז אַמאָל אָנגעקומען, אַהין, פון וואַנען ער האָט זיך אַמאָל פאַרן זקן באַוויזן, אַוועקגעלאָזט.

און אָט: שטיל און נאָכן זון פאַרגיין, אָוונטיג און נאָך שטיבעלע פאַרלאָזן, איז דאָס פעלד ליידיג און אויפגעראַמט געלעגן. די זון האָט נאָך זיך אַ שוואַך דערלויכטונג נאָר געלאָזן, און אויך דאָס שטיבעלע דאַן — אַ טרויעריג דערמאָנונג ביים יינגל. האָט דאָס יינגל אָן שטיבעלע געדענקט און אין פעלד דאַן געשפאַנט, דעם אַלטן און זיין טויט־איבערגעלאָזטקייט אין זינען געהאַט און אַזוי און מיט זינען שטילן אין יענעם פאַרנאַכט זיך געגאַנגען. האָט ער לאַנג די אויגן צו דער ערד געהאַלטן און אויף פאַר זיך און אויף פאַר זיין וועג נישט געקוקט, האָט ער זיך די גאַנצע צייט און קיין איין מאָל נישט אַרומגעקוקט, האָט ער דערום נישט באַמערקט: ווי פון ווייט און פון דעם האָריזאָנט דעם אַנטקעגנדיגן, האָט זיך אַ רייטער באַוויזן. אויף אַ פערד און אויף אַ גרויסן, אויף אַ שיין

and your children, you know me and you know my disinterestedness, and no one will suspect my motives, but the truth, as given from heaven, is *my* truth, and tongue cannot deny it. Thus, I propose: Let the king give me three nights, I will prepare myself in that time, and stay awake, and whatever the stars will say to me, I shall transmit to the king and his servants.'

"And that's what happened. They gave the gazer two or three nights, and he didn't sleep a wink all the while, he stayed awake on his high tower outside the city, holding his head up toward the sky, his eyes toward the stars, scanning and peering and seeking in the heavenly heights, and at last, after the third night, he appeared again in the royal palace, in the morning after the king's levee. He entered, and had himself announced, and they announced him to the king, and he came before him, and bowed in respect, and softly, after bowing, he said:

" 'I saw, Your Majesty, I saw and was shown: In a field, far away, in your land, there stands a shack, tiny and old, an abandoned ruin, about to collapse . . . . And an old man lives in it, and a boy lives with him, a servant, and the old man is about to pass away, and the boy will remain alone, and go off into the world when the old man leaves it, and you'll have to send someone out after him to overtake him on his road . . . . And—the boy will go out because he loves the old man, and he'll do the old man's final bidding, for the old man told him to put himself in the hands of the first person he meets on the way and follow him to wherever he summons. I say to you, Your Majesty, command one of your devoted horsemen to saddle his horse immediately and ride out and ride to the field, and this is the way . . .'

"The king promptly sent for me, and ordered me to prepare for the journey immediately, so I saddled the horse and the king transmitted the stargazer's words and directions to me. I rode and rode, and I left the capital and came to other cities, and I left those cities, and avoided others, and ignored the towns and settlements, and rode through the countryside, on and on, and farther and farther, until I saw you leaving the shack and crossing the field. And that was it . . . ."

And now the rider stopped his telling, and paused a while, riding wordlessly, slowly, and holding the boy next to himself, gazing at him, and then, after gazing briefly, he added:

"And now we'll ride and ride, a day and two, across our wide land, and then we'll arrive in the capital, and then I'll bring you to the king and his daughter. All right?"

"Yes," said the boy, boyishly, not musingly, not boastfully.

And thus it came to pass. The rider rode upon his horse, drawing nearer and nearer to the settlement, and the field was farther and farther back, and the shack was farther and farther away, and he rode quietly with the boy, and at last, after several days, he arrived one evening in the capital, on the king's street, at the king's palace.

Upon their arrival, they took the boy into the palace and presented him to the king. The ruler scanned him from head to foot, and he liked the boy. With his quiet standing and his holding himself well, with his appearance and his modesty, he was bidden by the king to approach, and the king stroked the boy's head and stared into his eyes, and then had him taken to a separate room to change his clothes and rest from his long riding.

He was led away and his clothes were changed, and he was dressed in the stateliest garments and given everything he needed, and prepared, and then when everything was done, he was left alone for the night, to spend the night in the room.

The next day, when the boy got up from his sleep, relaxed and rested from the previous day, refreshed and restored from riding, he was brought to the king, to the royal levee, and presented in his newness to the morning eyes of the king. The king cast his eyes upon him and received him with a cheerful face, blessed him with a "good morning" and inquired about his needs and wishes: Might he need anything, might he lack anything, he need merely ask, and the king would have his wishes fulfilled. The boy bowed from the waist, thanking the king for his concern and his bounty, but everything was fine, he had all that he needed, nothing was lacking, and may the king be exalted, and as soon as the boy needed anything, he would apply to the king . . . .

The king listened to the boy's words, and his face broke into a smile, the king was cheerful and happy, and then, before dismissing the boy, he had them summon his beloved daughter into the reception chamber before him. They brought her in, the daughter, in front of her father for the morning blessing. She, too, bowed and curtsied to the king, bending her young body and her knees to him, presenting herself lovingly and daughterly to his fatherly highness.

"Good morning, daughter."

"Good morning, father."

די צוים נאָכגעגעבן· איז דאָס שטיין געבליבן, האָט זיך עס פון אָרט נישט גערירט, און אַזוי און זיך נישט רירנדיג, דאָס ייִנגל דאַן פאַר רייטער פאָרגעשטעלט···

— אַ גוטן אָוונט, ייִנגל·

— אַ גוט־יאָר, רייטער·

— פון פעלד און פון אַלטן גייסט דו?

— יאָ — האָט בבא געענטפערט·

— און דער אַלטער איז שוין טויט, און דו ביסט אים פון צו באַדינען פריי?

— פריי — האָט דאָס ייִנגל טרויעריג געזאָגט·

— זעץ־זשע זיך מיט מיר אויפן פערד אַצינד און וועסט מיט מיר אינאיינעם רייטן·

— וואוהין?

— צום מלך·

— און וואָס וועל איך טון ביים מלך?

— גיב אַ האַנט, און איך וועל דיר שוין אויפן פערד דערציילן· — און דאָ האָט דער רייטער דעם פון פאַר אים און אונטן־שטייענדיגן ייִנגל אַ האַנט אַראָפּדערלאַנגט, אויך דאָס ייִנגל דעם רייטער האָט אויך זיין האַנט אויסגעשטרעקט, האָט ער אים אַ נעם געטאָן, דער רייטער, און גרינג און גע־שיקט־רייטעריש אים אַרויף און אויפן פערד און זאָטל אַרויפ־געבראַכט·

און אָט, און אַז דער רייטער האָט צוריק דאָס פערד צום האָריזאָנט צו, פון וואַנען ער איז אָנגעקומען, אויסגעקערע־וועט, און אַז דאָס פערד האָט אים געפאָלגט און שטיל צו־ריק זיך אויסגעדרייט, און דינעריש און וואוהין זיין רייטער־האַר האָט דעם געהייסן גיין, זיך געלאָזט, האָט זיך דאַן דער רייטער צום ייִנגל, צו דעם אינאיינעם מיט אים אויפן זאָטל זיצנדיגן, זיך געקערעוועט און אים אַזוי געזאָגט:

— זאָל דיר קיין חידוש נישט זיין, ייִנגל, און זאָלסט זיך נישט וואונדערן, פון וואַנען איך ווייס פון דיר און פון וואַנען איך בין דערגאַן דיין אָרט, — דאָס האָט מיך אונזער שטערן־זעהער געפירט, דאָס האָט ער מיר אַהער דעם וועג אָנגעוויזן·

— און ווער בין איך?

— אַ דינער ביים מלך·

— און נאָך־וואָס געשיקט נאָך דיר?

— אָט נאָך־וואָס: — ביי אונזער מלך איז אַ טעכטערל פאַראַן, א יונגס און אַ שיינהייט, אַ לעבעדיגס און אין די יאָרן אין דיינע· איז דאָס ביים מלך אַ חשובה אַ גרויסע, האָט זיך עס צו אים געקערעוועט, האָט זיך עס ביי אים גע־בעטן און אים אַזוי געזאָגט: „טאַטע־פאָטער, אַ חברל וויל איך, א ייִנגל און אין די יאָרן אין מיינע, און זאָל ער מיר אַ ברודערל זיין, און זאָל ער מיר מיין האַרץ דערפרייען"··· ווייל ביים מלך ביי אונזערן זיינען קיין זין און קיין ייִנגלאַך נישטאָ, און דאָס טעכטערל איז ביי אים איינס, און דאָס טעכטערל איז ביי אים דאָס אויג אין קאָפּ, און דער מלך קאָן איר נישט אָפּזאָגן, און אַלץ וואָס איר מויל רעדט אַרויס, מוז באַלד און געשאַפן ווערן פּינקטליך·

האָט ער איר צוגעזאָגט, דער מלך, האָט ער זיך אָבער וועגן דער בקשה אירער מיט זיינע האַרן באַראָטן, האָט ער צו זיך דעם גרויסן האַרן־ראָט צונויפגערופן און זיי זיין טעכטערלס פאַרלאַנג דערציילט, וואָס זי האָט אים געבעטן, און אַז איר פאַרלאַנג מוז מען דערפילן, אָבער ווי אַזוי און ווענען, דאָס ווייסט ער נישט און פרעגט ביי זיי· האָבן זיי אים אויסגע־הערט, די האַרן, האָבן זיי אים פאַרשטאַנען, דעם מלך, און אַז אויסגעקליבן ווערן דאַרף אַזוינס, וואָס אויסגעקליבן ווערן זאָל ווערט זיין, און מיט מעלות און מיט אייגנשאַפטן, וואס זיין זאָלן זעלטן· האָבן זיי זיך פאַרטראַכט, געקלערט און איבער־געקלערט, און יעדערער האָט צווישן זיינע קינדער געזוכט, און יעדערער האָט דעם גליקליכן צווישן זיינע אייגענע געוואָלט געפינען, האָבן זיי טאַקע שטיל און יעדערער פאָר־געלייגט פון זיינע אייגענע· האָט דער מלך זיי אויסגעהערט, האָט ער זייערע פאָרשלאָגן און אויף אַן איידל־אופן דער־ווייטערט, נישט באַליידיגט קיינעם און קעגן זייערע קינדער נישט גערעדט, ניטש קעגן זייערע אייגענע און נישט קעגן די אַרויסגעשטעלטע פון יעדערן· און דאָך און נישט אָננעמענ־דיג פון זיי קיינעם, און דאָך, און נישט באַשטייענדיג אויף קיין איינעם, האָט ער זיך נאָר צום שטערן־זעהער געווענדט און אויף אים און אויף זיין עצה זיך פאַרלאָזט: — דער שטערן־זעהער ווייסט דאָך, דער שטערן־זעהער פאַרשטייט דאָך, פאַרלאָזט ער זיך אויף אים, און וואָס ער וועט זאָגן, און וואָס ער וועט פאָרלייגן·

"And this is your friend."

And now the daughter took her eyes from her father on his throne and lifted them upon the boy, who was standing aside next to the royal throne, gazed at him in curious surprise.

"Yes, daughter, this is your friend, make friends with him and accept his love, and he'll be together with you, and stay with you in the palace."

The daughter blushed childishly, the daughter removed her eyes from the boy, and, lowering her head and youthfully blushing, she dropped her eyes to the ground, and she stood there before her father and his gazing . . . .

"And now, children, for you," the king addressed them both as "children."

"Get back to your rooms and your conversation and yourselves." And the king motioned, and commanded the servants, and the children went off to their chambers, led away from the reception.

4.

And so, from that morning on, the boy remained in the palace, with the king, to be with his daughter, together with her, and be reckoned as a child of the king, a friend of his child, a companion, devoted forever . . . .

The years elapsed. The boy was brought up in the palace and grew up with the princess, and he was liked by everyone, and more than anyone by the king's daughter. And without the boy, the girl would never take a step or play a game or enjoy a children's pastime, and they were always together, eating and drinking and playing and studying together. And time went on, and the two of them were of the same age and grew at the same pace, and were endowed with the same youth.

The princess flowered and bloomed in youth, and the boy did not remain behind, he kept up with her and flourished with her.

And after a time, they reached an age of youth, young and yet ripe, growing and awakening. And they awoke from their innocence and their ignorance, and saw one another in ripeness and the same age, and both of them seventeen . . . .

Others noticed as well: the king with his fatherly eye on the daughter, and the peers with a begrudging eye on the boy, the stranger. The lords discussed it among themselves, each one telling another one, and the king saw it too, but kept it to himself. Now he held close watch on the children, and sometimes his royal eye would alight on them and follow them and observe what they did: The way they came before him with lowered eyes; how close they were and one together, and yet, when standing before him, how remote and shamefaced with one another . . . .

He saw it and he pondered it, and after a spell of convincing himself and making sure and mulling it over, he summoned the stargazer, his beloved adviser, to give him advice.

And the stargazer came at the king's beck and call, and the king ordered the attendants to close the door behind him and admit no one else as long as he was there, and none of the footmen were to disturb the king: He had business of utmost importance and had to remain alone with the stargazer.

Now the king told the stargazer the things he had noticed about the children, and his lengthy watching and observing, his keeping an eye on them and a watch on them, and the things he had seen and the things he had noticed, and he told all these things at length and at breadth to the stargazer, and he called upon his advice and his wisdom and his common sense.

And the stargazer had to understand: The king was just one and the peers were many, and his daughter was the apple of his eye, and her love was his healing. But the peers and the courtiers would fight and oppose. For in truth: As all did know and as all could bear witness—it had never happened, it had never occurred, not in his family, and not with other kings, that a princess should get her beloved from the street and from the fields. And such was the case: The boy was poor, and had no father or mother, no pedigree and no lineage, and there were so many children around, courtly and close to the king—and what was he to do? . . .

The stargazer listened to what the king said, and he reflected, he understood the king and his predicament, sympathized and uttered his sympathy, and then he mulled the matter some more. And then, after having thought it out, he spoke to the waiting sovereign:

He told him not to fret or worry for now, the children were still young, and their hour of union was far away. It was better to wait, and time would bring counsel.

Again the gazer mulled and mused, standing in silence for a while, turning his thoughts around in his head, and then he added further advice:

מיט עניוות מיט גרויסן האָט אויך בבא און הינטער זיין פּלייצע אים נאָכגעפאָלגט·

און צוגעגאַנגען איז דאַן דער שטערן־זעהער צו פאַר מלך־שטול און צו נעבן בעט פון טאָכטער־מלך׳ זיך אַוועקגעשטעלט· האָט ער פריהער אויף דער מלך־טאָכטער אַ קוק געטאָן און אין די אויגן ביי אים האָט זיך אַ גרויס רחמנות־געפיל באַוויזן׳ דערנאָך אויף די האַרן און אויף די פאַרזאַמלטע — און אַן ערנסט און אַ גרויסער האָט זיך אין זיי אויסגעדריקט· און דאַן׳ און צום מלך און צום אויף דעם שטול־זיצנדיגן אַ קוק טוענדיג׳ האָט דאָס וואָרט גענומען און אַזוי געזאָגט:

— אין רשות פון מלך און אין רשות פון אַלע האַרן זיך דאָ־צונויפגעזאַמלטע׳ נעם איך דאָס וואָרט מיר דאָ און וויל מודיע זיין: זייט וויסן׳ האַרן׳ שטערן האָבן מיך צום מלך געשיקט׳ שטערן האָבן מיר אים זאָגן געהייסן׳ און צום גונסט פון מלך — אַזוי: — זיין טאָכטער קאָן געזונט נישט ווערן׳ זיין טאָכטער וועט נישט גענעזן ווערן׳ ביז זי וועט צו איר געליבטן׳ און ביז זי וועט צו איר באַגערטן נישט קערן· און אָט האָבן מיר זיך צונויפגענומען דאָ׳ און אָט זיינען דאָ אַלע זין פון האַרן און אַלע יענע׳ וואָס האָבן איר האַנט געזוכט· — און אָט איז די האַנט פון מלך־טאָכטער׳ און אָט איז אויך די קידושין־רינג פאַראַנען׳ — און זאָל אַצינד׳ און ווער עס וויל פון אייך אַרויסגיין׳ אַרויסגיין און די רינג נעמען און דער מלך־טאָכטער זי אָנטון׳ און זאָל ער איר אַ מאַן און אַ שאַפער זיין׳ און אויך אַ קרוין־יורש און אַן איבערנעמער פון מלוכה··· אָבער וויסן זאָל ער זיין׳ דער וואָס נעמט אויף זיך די ליבע׳ אַז נישט תּיכּף און נישט באַלד געזונט וועט ווערן די מלך־טאָכטער׳ אַז אַ צייט אַ לאַנגע דאַרף נאָך אויף איר בעטל ליגן׳ און ער אַליין דאַרף אין וועג און אויף וועלט זיך לאָזן׳ און אַסך אויסשטייאונגען דאַרף אויסשטיין און אַסך שטערונגען און שטרויכלונגען דאַרף איבערקומען׳ און לסוף׳ און אַז ער וועט דאָס בייקומען׳ וועט ערשט דאַן צו זיין ליבער׳ וועט ערשט דאַן צו זיין געוואונשענער קומען· — און אָט איז די רינג פאַר אייך!

און דאָ האָט דער שטערן־זעהער אין דער הויך און אין די אויגן פאַר אַלעמען אַ קידושין־רינג אַ גאָלדענע און אַ גרויסע אויפגעהויבן׳ האָט ער זי פאַר האַרן און פאַר די זין פון האַרן געוויזן׳ און אַזוי און זי ווייזנדיג׳ ווידער גערופן:

— האַרן און זין פון האַרן׳ די קידושין־רינג און די מלך־טאָכטער וואַרטן׳ און דער מלך אויף דער שטול — אויפן גליק און אויף דער הילף פון זיין טאָכטער··· זאָל דערום ווער אַרויסגיין׳ זאָל דערום ווער גענעהענען׳ זאָל ער די קידושין־רינג דער מלך־טאָכטער אָנטון און זאָל ער׳ זי אָנטוענדיג׳ אין דער מלך־טאָכטערס האַנט זוכה זיין·

און נישט גענעהענט און נישט אַרויסגעגאַנגען איז דאַן פון אַלע פאַרזאַמלטע׳ פון אַלע זין און פון דער גאַנצער חתן־יוגנט אויפן רוף און אויפן רינג־באַווייז פון שטערן־זעהער דעמאָלט קיינער; האָבן זיי זיך אַלע און ווי דערשראָקענע אויף צוריק גערוקט׳ אויף בעטל קוקנדיג און אויף דער מלך־טאָכטער׳ דער האַלב־טויטער׳ אויף איר אויסזעהן אויסגעצויגענעם און אויף איר האַנט דער בלאַס־ליגנדיגער; האָט זיך קיינער און אויף שטערן־זעהערס רוף נישט אָפּגערופן און נישט גענעהענט צום בעטל· האָט דער שטערן־זעהער אַ ווילע און די קידושין־רינג נאָך אין דער הויך און אויפגעהויבן געהאַלטן — און דער מלך האָט אויפן עולם געקוקט׳ און געשוויגן און געוואַרט פון דאָרט׳ און אויך די טאָכטער האָט אויף דעם עולם די אויגן ווי אָנגעשטעלט און ווי פון דאָרט אויף דעם ערשטן צו איר אַרויסגייענדיגן און צו איר־אַרויסטרעטנדיגן געוואַרט· און אַז זיי האָבן זיך נישט אויסגעוואַרט׳ און אַז דער שטערן־זעהער האָט לסוף די האַנט און פון זי הויך־האַלטן אַראָפּגעלאָזט — דער מלך די אויגן — און ווי פאַרשעמט צום באָדן׳ און די כלה־טאָכטער — פאַרלאָזט און נישט דערבאַרעמט און נישט געליבט פון קיינעם׳ — האָט זיך דאַן דער שטערן־זעהער צום עולם און צום לעצטן מאָל געווענדט און נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט:

— דאָס לעצטע מאָל׳ זין פון האַרן׳ דאָס לעצטע מאָל רוף אויס: ווער וויל די מלך־טאָכטער נעמען׳ ווער וויל אין איר האַנט זוכה זיין?

— קיינער!

האָט פון עולם קיינער זיך נישט אָפּגערופן·

— איך! — האָט זיך דעמאָלט פון אַ זייט׳ און נישט באַמערקט׳ פון פאַררוקטקייט און פון נישט אָנגעזעהענקייט ביז אַהעריגן׳ פון הינטער די פּלייצעס פון שטערן־זעהער אַ קול דערהערט׳ — איך! — האָט זיך דאָס קול און שטיל אַרויסגעזאָגט און פון הינטערן שטיין און פאַרשטעלטקייט פון שטערן־זעהער האָט זיך בבא אַרויסגערוקט·

"I haven't forgotten," Bovve replied.

"Why did you turn away from the king, the king who needs your comfort now, when his royal heir has fallen ill, and all the doctors have given him up for lost, and even his father has lost all faith in his recovery?"

"How could I help?"

"How?" the stargazer turned to Bovve, interrupting the old man. "Have you already forgotten my present? Didn't I tell you to use it when you had to? Didn't I bless it with a healing force? Doesn't it have the power to cure?"

"Then what should I do with your gift?"

"Take it and ask to see the king."

"And how should I use it?"

"This is how." And the stargazer held in his hand the star-stone that he had given Bovve to take on his journey. And he held it up, and showed it first to the old man and then to Bovve, and thus he held it for a while, and then a nursery appeared to Bovve's eyes, a nursery in a royal palace, and it was still and hung with drapes, and a glow came in through the windows, a quiet evening-glow, as if for a quiet patient. It was evening now indeed, and a bed appeared by a wall, with bedding white and clean and tidy, and on the bed, lay, covered with a blanket, a young boy, tender and frail, a prince, with open eyes staring into the room, bulging and big and senseless. And the boy lay there, and his father sat on a chair by the head of the bed, gazing at the child and never shifting his eyes, and he sat there sadly and pondering, and lost in grief and kingly despair.

And as the king sat there in stillness, the stargazer took the stone in his hands and approached the foot of the bed and stood before the prince's open eyes and put the star-stone before his motionless stare and held it for a spell.

And the prince stared on and on at the stone, as before, and never stirred, as though unaffected by the stone and unaware of it, and as though it weren't before his very eyes, and as though there were *nothing* before his eyes—and all at once, in the midst of his senseless staring, his eyes began to clear and become sane and sensible again and notice everything around him and see everything that was happening. And all at once he caught sight of the star-stone. And overjoyed, he reached out for it, and raised his arms and half his body from the bed, and raised himself and went for the stone, and from his lips, which had long been silent, there came a voice, a shout, a voice—a shout of joy:

"Father! King! . . ."

And the king bolted up from his chair and his grief, and the king sprang up from his sitting when he saw the prince in his sudden surge, and he dashed to him as though to help, and a shout burst forth from his lips too, and joy and help from his throat:

"My son!"

And Bovve, too, was overjoyed, and Bovve wanted to dash to the stargazer and thank him, and he surged and he rose, and he—opened his eyes . . . and . . . . He found himself in the morning, on the field, and far from the city gate, and lying down.

And the night was gone, and the field lay in broad daylight. So Bovve stood up from his resting place and picked up his bag from the earth, and in it he felt the "star-stone," the stargazer's gift, and he recalled the dream he had had, the nighttime vision, and he grasped its meaning, and he turned back to the gate, from which he had walked so far that night, and he found the sentry in his place. He went over to him and right up to him, and, arriving, he said to him:

"Pass the word, sentry, that a beggar wishes to see the king."

"The king won't allow it."

"Tell him that I have help for him."

"For whom?"

"For the prince in his illness."

"And what if you're fooling?"

"I'll wager myself and my life, and let them do what they always do in such cases."

"Death?"

"So be it."

And the sentry looked at Bovve and his seriousness, and the way he stood there self-assured and gazed at the sentry and took on such a responsibility with such self-assurance. And the sentry regarded him for a while, and thought about it for a minute or two, and after briefly pondering, he turned and strode up to the gate, and he knocked on it, and after knocking and knocking, he told the officer on the other side what had happened on his side:

"And a beggar came here last night, and he slept in the field, and wasn't permitted to enter the city, and now he's back, and he asks if he might see the king."

און אָט, און פון דעמאָלט, און פון יענער צייט איז שוין אַ צייט אַוועקגעגאַן, און נאָך יענעם זומער — אַ ווינטער, און נאָכן ווינטער און נאָך אַ זומער, און דער פרינץ נאָך אויף זיין בעטל ליגט, און דער פרינץ איז נאָך נישט אויפגעשטאַנען פון זיין בעטל, און די מורא האָט זיך פון אים נישט אָפּגעטאָן, און דאָס לשון און דער זינען האָבן זיך נאָך צו אים נישט אומגעקערט, און די דאָקטוירים האָבן אים שוין צו באַפוילן אויפגעהערט, און די דאָקטוירים האָבן זיך פון אים מיאש געווען, און אויך דער מלך אין זיין קינדס געזונט־ווערן שוין נישט גלויבט, און דער מלך נאָר ביי זיין בעטל זיצט און זיין יורש און זיין מלוכה־איבערנעמער באַדויערט...

און אַ באַפויל, און אַ ברוגז־באַפויל האָט באַלד נאָך דעם געשעעניש מיטן פרינץ דער מלך ארויסגעגעבן: — קיין בעטלער און קיין שלעפּער... נישט פון זיין מלוכה און אויך נישט פון קיין פרעמדער... און נישט אין הויפּט־שטאָט און נישט אין די פאָרשטעט פון הויפּט־שטאָט, און פון דעמאָלט און אויף ווייטער — און זייער פוס זאָל די שוועל פון שטאָט־טויער נישט אַריבערטרעטן, און קיין איינער און אַזיינער — און זיין ג ע ב י י ן זאָל זיך דאָ נישט געפינען!...

— און אָט דאָס איז די מעשה, און דערום איז דיר פאַרשטעלט דער וועג. און דער שטאָט־שומר האָט זיין דערציילן געענדיגט און בבאן מיט דער האַנט אויף ווייטער און אויף פון דער שטאָט אָפּגיין, אויף פון דאָרטן אָפּטרעטן און אויף אין ווייטער־וועג זיך לאָזן, אָנגעוויזן.

— און אויסער דער שטאָט? — האָט דאַן בבא ביים שומר געפרעגט.

— מעג מען — האָט אים דער שומר געענטפערט — יאָ, און ס'ערלויבט זיך, אָבער אַלץ ווייטער און אַלץ אָפּגעשיידטער פון טויער. — און דער שומר האָט אים ווידער מיט זיין האַנט אויף אַ שטרעקע אָנגעוויזן: — אָט אַהין און ער קאָן זיך אָפּגיין, אָט דאָרטן, און ער קאָן זיך איבערנעכטיגן, ווייל אויף דאָרט און אויף יענער שטרעקע איז דעם מלכס באַפויל נישט געגעבן.

האָט דאַן בבא געפאָלגט דעם שומר, האָט ער זיך אַהין, און וואו דעם שומרס האַנט האָט אים אָנגעוויזן, זיך אַוועקגעלאָזט, איז ער אַהינצו אָפּגעגאַן, האָט ער זיך דאָרט אויף אַן אָרט געטראָפן, אויף אַ גלייכן און אויף אַ גראָזיגן, אויף אַ גרין־פאַרוואַקסענעם, און וואָס די שטאָט האָט זיך פון דאָרט אָנגעזעהן, איז שוין שפּעטליך און אָוונטיג דאַן געווען, און די זון איז שוין אונטערן שטאָט געווען פאַרגאַנגען, און די געבייען און די דעכער פון געבייען זיינען שוין אין שאָטן און אין טונקל־פאַרהילטקייט געשטאַנען. האָט זיך בבא אויף יענעם אָרט דאַן אַראָפּגעלאָזט און זיין וואַנדער־טאָרבע צו־קאָפּנס זיך אַוועקגעלייגט, האָט ער זיך אויף דער ערד אויס־געצויגן און דעם קאָפּ אָן דער טאָרבע אָנגעשפּאַרט, און שטיל און אַזוי אויסגעצויגן ליגנדיג, האָט די אויגן צום הימל און צום אָוונטיגן דאַן אייפגעהויבן, און נאָך שטילער, און פון גיין און. פון וואַנדערן אַ מידער, האָט אויף ערשטן שטערן, אויף הימל אַרויסקומענדיגן און איבער זיין קאָפּ זיך־ווייזנדיגן, געוואַרט.

און דער ערשטער שטערן האָט זיך באַוויזן, און בבא האָט זיך אויף אים אויסדערוואַרט, און בבא האָט צו אים אַרויפּ־געקוקט און פון זיין אויף־דער־ערד־ליגנדיגקייט מיט זיינע בליקן צו אים דערגרייכט — צו זיין בלאַסקייט און צו זיין הויכזייענדיגקייט, צו זיין אין־הימל־זיך־ווייזן און צו זיין פינקלען און צו זיין טונקלען זיך דאָרט. און אַזוי און אַרויפּ־קוקנדיג, און אַזוי און אויף אים זיינע בליקן אָנגעשטעלט האַלטנדיג, האָט לסוף זיינע אויגן צום שלאָף און די וויעס צו מידקייט פאַרמאַכט, פאַרמאַכט און אויף איינדרימלען, גע־שלאָסן און אויף אַנטשלאָפן ווערן אין יענער נאַכט. און בבא איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

און געחלומט האָט זיך בבאן אין דער נאַכט אין יענער: ווי שטיל און אומגעריכט איז זיין פריינט דער שטערן־זעהער מיט זיין זקן, זיין דערציהער, אינאיינעם און פאַר די הענט זיך האַלטנדיג, אויף אַ וועג ערגיץ פון אַנטקעגן געקומען, שטילע און צוויי אַלטע לייט, צוויי זעלטענע און פאַר די הענט זיך האַלטנדיגע, און פאַר די אויגן זיך אים באַוויזן. זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט, האָבן זיי אים זיין ווייטער־גיין פאַרשטעלט, האָבן זיי זיך צו אים געקערעוועט, און פריהער דער זקן און דערנאָך דער שטערן־זעהער, האָבן זיך צו אים אָנגערופן און אַזוי געזאָגט;

— בבא, — האָט אים דער זקן דאַן געזאָגט, — האָסטו דען שוין אין מיין ברכה פאַרגעסן?



and was it possible (and she hoped it was possible for the wonder worker), could he possibly see her misery and sorrow, and might he be her good messenger, and she would give him anything: the crown and the kingdom, and anything his lips uttered.

He would listen to all she said, and look at her heartache and sorrow, and he would feel great pity, and he would promise her—and everything he could, he would do, and assure her—and everything in his power. Then he would go about his work, and give her various potions of various herbs, and instruct her when to drink, and teach her spells to recite while drinking the potions. And for a while she would rely on his remedies, and everything he had taught her she would carry out, and everything he told her to do she would do. And then she would show her gratitude for his instruction, and after her gratitude she would keep him at court for a time, and then, for the future, when he had taught her to do without him, he would take his leave of the queen, and then to his home, and back to his house, he would go.

And the wonder worker would ride away, and the queen would remain alone, and for a while she would be certain of his remedies and would take them, and exactly as he had taught her, and once, and once again, and yet another time, and over and over, and then, when they, too, hadn't helped, she would put them aside and give up on them, and settle back into her despair, and retreat once more into her chambers, and again, as before the wonder worker, she would not appear in the radiant shine and in the radiant world.

And thus a while, and thus a time, and the queen grew older, and she was changed beyond belief, and the king himself was greatly altered, and he looked unkempt and ill-kept. And the lords and the courtiers saw all these things, and they felt great pity for the royal couple, and felt sorrow for them, and wanted to help them for all the world. But there was nothing in the world they could do, and they asked one another and took counsel together: Perhaps they could hit upon something for them?

And they pondered, and they looked for different devices, and all of them asked their friends for remedies. But no one in this country knew, and so they sent to other countries, and inquired of great men and wise men; and these men sent them back various counsels and all kinds of advice. And the king and the queen listened to them all, and obediently did what they were told to do, and thus, following and never arguing, they took all the remedies and all the elixirs, and they remained as they were before, with their earlier unfruitfulness....

And one day, in an ordinary morning, something happened in the queen's chamber:

The queen had only just awoken from sleep, and hadn't yet left her bedchamber and hadn't yet been dressed by her body servant, and wasn't prepared for going out, when all once there was a knock at the door, and a servant-girl, from the court, from the king, announced herself and asked to be admitted.

"What do you want?" asked the queen's servant.

"To see the queen," said the other one, standing on the other side.

"Why?"

"It's very important, really."

"Open!" said the queen to her body servant.

The servant left the queen in the midst of dressing her and before she was done, and she strode over to the door and opened it, and then, opening it, she admitted the servant who had asked to be admitted.

"What is it?"

"Not me, but the woman, the old one."

"Who?"

"The royal midwife, who tended the king's mother at every childbirth, and who attended the king's birth and the births of all the princes."

"And what did she want?"

"She wants to see you, Your Majesty."

"Let her in."

And the servant-girl left the queen's chamber, and the queen's servant meanwhile started to finish dresing her mistress, so that the queen was ready, and she left her bedroom and stepped into the next chamber, and at this time, the woman, the old one, led by the court servants, was brought into the same chamber. And she presented herself, shrunken and shriveled, and clean and neat, and dressed like a grandmother, she trudged over to the queen and bowed before her, and having bowed, she said to the queen:

"Your Majesty, my precious gem, I have seen your sorrow and known of your misery, and your desire, your strong yearning, your great wish to be a mother, and I have watched you for a while, and known about all that you did and tried, and all the things that

— אַן וועלכער?

— אַז ,,פאַר מלכים זאָלסטו שטיין, און מלכים זאָלסט דו טרייסטן"?

— ניין, — האָט בבא דעם זקן געענטפערט.

— פאַר־וואָס־זשע האָסט דו זיך פון יענעם מלך אָפּגעקערעוועט, פון דעם, וואָס אין דיין טרייסט זיך נויטיגט, פון דעם, ביי וועלכן זיין מלוכה־יורש איז אים איינגעפאַלן, און וואָס דאָקטוירים האָבן זיך אין אים שוין מיאש געווען, און אויך אַליין זיין פאָטער, אין זיין געזונט ווערן?...

— מיט וואָס־זשע וואָלט איך אים העלפן?

— ...מיט וואָס? — האָט זיך דאַן דער שטערן־זעהער צו בבאן געקערט און דעם זקן די רייד איבערגעשלאָגן, — האָסט דו דען שוין אָן מיין מתנה פאַרגעסן? האָב איך זי דיר דען ניט אין דיין נויט אויסניצן געהייסן? האָב איך זי דיר דען ניט מיט קיין הייל־קראַפט געבענשט? האָט זי דען נישט אין זיך דעם כח פון היילן?...

— איז וואָס־זשע דאַרף איך טון מיט דער מתנה?

— מיט איר צום מלך זיך בעטן.

— און ווי אַזוי זיך באַגיין מיט איר?

— אַזוי: — און דאָ האָט זיך אין האַנט ביים שטערן־זעהער דער שטערן־שטיין, וואָס ער האָט בבאן אין וועג אַריין מיטגעגעבן, באַוויזן, האָט ער אים אויפגעהויבן און פריהער אים דעם זקן און דערנאָך בבאן געוויזן, האָט ער אים אַזוי אַ ווײַלע געהאַלטן, האָט זיך דערנאָכדעם פאַר בבאן אַ קינדער־צימער און אין אַ מלך־פּאַלאַץ זיך באַוויזן, איז דאָס צימער שטיל און מיט גאַרדינען פאַרהאַנגען געווען, האָט זיך דורך די פענסטער דאַן אַ שיין דורכגעשלאָגן, אַ שטילע און ווי אַ פאַרנאַכטיגע, אַ צוגעשלאָגענע און ווי פאַר אַ חולה אַ שטילן. איז דעמאָלט טאַקע פאַרנאַכט געווען, האָט זיך ביי אַ וואַנט ביי איינער אַ בעטל באַוויזן, אַ ווייס־געבעטס און אַ ציכטיג־זויבערס, און אויפן בעט מיט אַ קאָלדרע פאַרדעקט איז אַ יונגלינג אַ יונגער, אַ צערטליכער און אַ מלך־קינד געלעגן, און מיט אויגן אָפענע און אין צימער אַרויס אויפגעעפנטע, מיט פאַרגלאָצטע און מיט אָהנזיניגע מיט גרויסע. איז דאָס יינגל אַזוי געלעגן, און אויף אַ שטול און ביי זיין צוקאָפּנס פון בעטל איז זיין פאָטער, דער מלך, אין טרויער און פאַרטראַכט געזעסן, און געקוקט אויף קינד און פון דעם די אויגן נישט אַראָפּגענומען און דאָס באַדויערט און אַליין אין יאוש גרויסן מלכשן. איז דער מלך איבער דעם אַזוי שטיל געווען, האָט דער שטערן־זעהער דאַן דעם שטיין אין די הענט גענומען און צום צופוסנס פון בעטל און אַנטקעגן די אָפענע פרינץ־אויגן צוגעקומען, האָט ער דעם שטערן־שטיין און פונקט אַנטקעגן זיין פאַרגליווערט־בליק אָנגעשטעלט און אַ ווײַלע אַזוי אים געהאַלטן. האָט דער פרינץ און אויפן שטיין קוקנדיג לאַנג און אַ צייט, ווי פריהער, און נישט גערירט זיך געהאַלטן, ווי נישט געווירקט פון שטיין און ווי אים נישט באַמערקט גאָרנישט, גלייך ווי ער וואָלט גאָר פאַר זיינע אויגן נישט געווען, און גלייך ווי גאָר נישט וואָלט זיך געפונען פאַר זיינע אויגן — און פלוצלום, און אין מיטן קוקן דעם אָהנזיניגן, האָבן זיך ביי אים די אויגן און ווי אויסלייטערן גענומען, און פאַרשטאַנדיג ווערן און מיט זינען קלאָרן און אַלץ וואָס אַרום באַמערקן, און ווי אַלץ, וואָס פאַר אים קומט פאָר, צו זעהן. האָט ער פלוצלום דעם שטערן־שטיין דערזעהן, האָט ער זיך ווי דערפרייט מיט אים און זיך צו אים אַ לאָז געטאָן, האָט ער די הענט און האַלבן גוף פונם בעט אַ הויב געטאָן, אַ הויב און אַ גיי אים אַנטקעגן, און פון מויל פון אים, און פון לאַנג־אַנטשוויגענעם זיינעם האָט זיך אַ קול — אַ געשריי, אַ קול — אַ פריידגעשריי דערהערט: פאָטער־מלך!...

האָט זיך דער מלך פון זיין שטול און פון זיין טרויער־זיצן אויפגעכאַפּט, איז דער מלך פון זיין אָרט און שטול אויפגעשפּרונגען און דעם פרינץ אין זיין מיט־אַמאָליגן הויב־טון זיך דערזעהן, איז ער אים אַנטקעגן און ווי אויף הילף געלאָפן, און אויך פון זיין מויל און אַ געשריי, און אויך פון זיין מויל אַ פרייד־געהאָלפנקייט האָט זיך אַרויסגעריסן: מיין זון!...



didn't work. And I, too, wanted to help you, with all my heart and with all my devotion to the court, but there was no way that I could help you, and so I never appeared before you, and never came before you. But I couldn't rest, and all the time I kept inquiring of the old and the elders in our land and also in other lands, and I sent to all the practiced midwives, and asked them all for help for you. So they sent me various remedies, and I inspected them and tried them out on other women, but they didn't help anyone, and they didn't make any woman fertile. And so I didn't bring them to you, and I held them to be useless, and I kept from appearing before you and coming before you . . . .

"But I still didn't rest, and I pondered and probed, and I cudgeled my brain and didn't stop thinking, and then I recalled: There was one thing left, one last and untried remedy, and in an ultimate case, one uses the ultimate—and that is: Magic . . . .

"And so I went out into the fields—in a dewy dawn, a summer morning, and before the sun had even risen, and while the night was still resting on the vastness of the fields. And I came to the middle of the meadow, among the grasses and herbs, and I trod among them, and peeped and peered at them as I trod, and I looked for the magic herb. But I couldn't recognize it, and I couldn't distinguish it among all the others. And then I began reciting the spell, the one my mother once had taught me to whisper over herbs, and just as I had learned it in my youth . . . . And thus speaking, and thus walking among the herbs in the field, I at last noticed one, a different one, and it loomed up before my eyes, so different from all the others, and it showed up before my eyes, and as though it were saying: 'Take me!'

"So I bent over and tore it out, and I brought it home and dried it out, and did what one does with a magic herb, I made a potion out of it, and started coming to you with it, and had myself announced to you, and now, and I stand before you now, and the potion is ready for you."

And the old crone took out from under her robe, from under her early-morning wrap: a vial, a tiny one, a greenish one, containing a liquid, and then, showing it to the queen, to her eyes, she held it and she added:

"And behold, Your Majesty, inside this is your remedy and this will help you . . . . However . . . you must know: Magic remains magic. Magic can summon to life, magic can perform a trick, but to keep alive, and to live indeed—That is not in the power of magic . . . . And now, as you like, my precious."

"I want to drink it!" cried the queen after several minutes of reflection and after coming to her thoughts from the old crone's long talking. "I want to drink it!" Let come what may! Let happen what will! A mother is a mother—even if to a piece of flesh!"

And the queen reached out her hand to the old crone's hand and to the vial, and took the vial and looked at it, and peered at it in curiosity, and then, and asking about all the rest, and how to take the remedy, she thanked the old midwife, and showing the old crone out with thanks, and then after having shown her out, and ever since that day, and after the old crone went away, the queen, believing in that remedy, and devoting herself with all her devotion, and with loyalty and with total yielding, she applied herself to the matter.

And the queen did not reject magic, and she took the magic potion, and the queen said the word, and agreed to everything: and in a time, the remedy had its effect on the queen, and in a time, and in a propitious hour, the queen became pregnant.

And quickly the secret news spread, first through the court and among the courtiers, then outside the court and throughout the capital, it was passed quietly from person to person and tongue to tongue and ear to ear, and the secret wrapped and wrapped the queen up, and all who met her stepped aside quietly and with quiet gazes; and the queen kept apart and to herself, from everything and everyone, and sat in her chambers all by herself, yet not as before, in despair and desolation, but in unwonted tenderness and wistfulness, and pensively, and preparing herself for quiet motherhood. And thus she sat in the morning and at midday and in the afternoon and at twilight—in her chamber, which was quiet, and which no noise and no voice reached from the court: thus she would sit between the impenetrable walls and at the heavily draped windows. And sometimes, at twilight, during a sunset, the king would come by, also quiet and also pensive, from the court, leaving the entire court behind and leaving it behind the door; he would come in, and the queen would receive him in silence, and he likewise, and looking at her, didn't speak or say a word—and thus, in silence, and thus in wordlessness, they would sit through that time and through the sunset, and then, and before retiring for the night, they would

— און קיינער זאָל אים אין וועג נישט פאַרהאַלטן, און מיט נ אָ ך פאַפירן – און אַלע אונטערטאַנען פון מלך זאָלן אים נאָך אונטערהעלפן אין וועג; האָט מען אים געהאָלפן, האָט ער זיך גיך, און ווי מעגליך נאָר ס'איז געווען, צו יענעם אָרט זיך באַלד דערשלאָגן, פלעגט ער צום וואונדער־מאַן און צו זיין שטאָט, צו זיין וואוין־אָרט און צו זיין שטוב דאַן קומען, קומען און באַלד און אַהין אָנקלאַפן — „אַ שליח פון מלך"... פלעגט מען אים אַנטקעגן און באַלד אַרויסגיין פון שטוב, פלעגט דער שליח באַלד דעם וואונדער־מאַן דעם מלכס בריוו איבערגעבן, פלעגט דער מאַן און שוין נישט דערווידערן מיט גאָרנישט, פלעגט ער זיך נאָר אין וועג אַריין צוגרייטן, און תּיכּף און אָהן טענות מיטן שליח און אין הויפּט־שטאָט זיך אַוועקלאָזן.

און אויפנעמען פלעגט מען דעם וואונדער־מאַן נאָכן וועג און נאָך זיין אין הויפּט־שטאָט־אַריין־קומען, פלעגט מען אים צו דער מלכּה און אין אירע חדרים פירן, און אים ברענגען און פאָרשטעלן פאַר דער מלכּה, פלעגט זי אים מיט גרויס כּבוד, און ווי אַ וואונדער־מאַן מ'נעמט אויף, צונעמען, און אַזוי און אים צונעמענדיג, און מיט פיין־און־ערליך־האַלטן גרויסן, פלעגט זי אים אין איר באַזונדער־צימער ברענגען, אים באַלד אויף אַ שטול און אויף זיך זעצן אָנווייזן, פלעגט ער זיך אַוועקזעצן, און די מלכּה פלעגט זיך פאַר אים אַוועקשטעלן, און אַזוי און אייניגע מינוט פאַר זיין שטול און כּבוד שטייענדיג, פלעגט זי אים שטיל און איר האַרץ, איר צער און איר נויט דערציילן.

און דערציילן לאַנג פלעגט די מלכּה און אויסרעכענען — אַלע מיטלען און רפואות, וואָס זי האָט פון דאָקטוירים באַקומען, און אויך וואָס נ י ש ט פון דאָקטוירים, און וואָס באָבעס אַלטע האָבן איר געעצהט, און וואָס זי האָט געטאָן מיט די רפואות, און ווי זי איז זיך באַגאַן מיט זיי און ווי אַזוי זיי האָבן נישט געהאָלפן גאָרנישט, און ווי אַזוי זי איז אָ ה ן הילף געבליבן, און – אויב ער קאָן (און זי האָפט, אַז ער קאָן), און אויב ס'איז נאָר מעגליך (און זי האָפט, אַז ס'איז מעגליך פאַרן בעל־מופת), זאָל ער איר עלנט און ליידן צוזעהן, און זאָל ער איר גוטער שליח זיין, און פון א י ר זייט קיין טייערס: די קרוין און די מלוכה, און אַלץ וואָס זיין מויל וועט אויסרעדן.

פלעגט ער זי אויסהערן, און איר צער און אירע יסורים צוזעהן, פלעגט ער אויף איר גרויס רחמנות קריגן און איר צוזאָגן – און אַלץ, וואָס ער קאָן נאָר – וועט טון, און זי פאַרזיכערן – און אַלץ, וואָס אין זיין רשות נאָר, וועט אויסניצן; פלעגט ער זיך דאַן צו זיין אַרבעט נעמען און איר

פאַרשיידענע געטראַנקען פון פאַרשיידענע מינים גראָזן טרינקען געבן, און זי לערנען, און ו ו ע ן זי זאָל טרינקען, און זי שפּרוכן אויסלערנען, און וואָס זי זאָל ז אָ ג ן בשעת טרינקען; פלעגט זי אויף אַ צייט און אין זיינע רפואות זיך פאַרגלויבן, און אַלץ, וואָס ער האָט זי געלערנט, געהערט, און אַלץ, וואָס ער האָט איר געהייסן טון — געטאָן; פלעגט זי אים דערנאָך באַפרידיגן פאַר זיין זי־לערנען, און נאָך דעם באַפרידיגן אויף אַ צייט און אין הויף נאָך פאַרהאַלטן, פלעגט ער דאָרט אָפּזיין אַ צייט, און דערנאָך, און אַלץ אויף ווייטער, און ווי שוין אָ ה ן אים זיך באַגיין זי אויסגעלערנט, פלעגט ער זיך אָפּגעזעגענען מיט דער מלכּה און צו זיך און צו זיין היים, און צוריק און צו זיין וואוין־אָרט זיך אומקערן.

און דער בעל־מופת פלעגט אַוועקפאָרן, און די מלכּה פלעגט אַליין בלייבן, פלעגט זי אַ צייט אין זיינע רפואות נאָך זיכער זיין און זיי איינעמען, און ווי ער האָט זי געלערנט פּינקטליך, און איין מאָל, און נאָך אַ מאָל, און זיי איבערחזרן און ווייטער אויסנעמען, און דערנאָך, און אַז אויך ז י י האָבן נישט געהאָלפן, פלעגט זי זיי אין דער זייט אַוועקשטעלן, זיך אין זיי מיאש זיין, פלעגט זי צוריק און אין איר יאוש־טראַכטן אַריינפאַלן, זיך ווייטער און אין די חדרים אירע פאַררוקן, און ווייטער און ווי פ אַ ר דעם בעל־מופת אויף דער ליכטיגער שיין און אויף דער ליכטיגער וועלט זיך נישט ווייזן.

אַזוי אַ צייט און אַזוי אַ לאַנגע זעהר, און די מלכּה איז געעלטערט געוואָרן, און די מלכּה איז שוין נישט צו דערקענען געווען, און אויך דער מלך איז פון זיין געשטאַלט אראָפּ, און אָפּגעלאָזן און פאַרוואָרלאָזט אויסגעזעהן. האָבן דאָס די האַרן און די הויף־לייט צוגעזעהן, האָבן זיי אויף זיי גרויס רחמנות געהאַט און זיי באַדויערט און מיטן גאַנצן לעבן זיי העלפן געוואָלט, האָבן זיי אָבער מיט וואָס נישט געהאַט, האָבן זיי זיך איינס ביים אַנדערן זיך



with blueness. And Bovve peered into the pure blue and—even though the horseman was gone, and not a trace was left of his horse, but a hope that was pure and light and heavenly was left with Bovve and even after the disappearance.

And Bovve stood up, and Bovve put the mirror in his pouch, and he tied up the pouch again, and started off again with the pouch—and he walked and walked, from that day into the night and from that night into the next morning, and strode and never stopped anywhere, and sought no villages nor towns, and had no need for them and no use for them—and thus, and walking on and on, and thus, and roaming and rambling, until one day—

It was a sunny day, an afternoon, bright and radiant, clear and pure, and Bovve found himself in a field, a vast and a horizoned field, rolling and open on all sides. He came into it and he stopped in the middle, and the field lay bright and radiant, and the green grass was greening on it, and sunbeams coming from the sun played and flashed upon the green. And a hush prevailed, a calm and fieldy silence, an afternoon stillness, undisturbed, only the grasshoppers, the soaring springers and grass-sawyers, kept leaping from blade to blade and from hiding-place to hiding-place, always hiding in a different place, stopping there and sawing and sawing.

And Bovve found himself in this field, in the middle, and he found himself stopping there, and he kept turning to another side and resting his eyes upon that side. And at last, and after seeing and scanning, he spotted—silently, on the horizon, the most silent skyline, the farthest and least visible—a horseman, mounted upon a horse.

And Bovve stared at the rider a space, and watched him sitting on the horse; and having wordlessly watched and silently stared, Bovve left his place in the field, and walking along the middle line, he started out toward the skyline, where the rider was sitting.

Upon arriving, he found the rider languishing in a day of languishing, sitting slack with slackened reins, silent and staring, as if accustomed to staring thus. Bovve walked up to him and addressed his silence, and thus, and addressing him, he blessed him with the day and with blessings:

"Good afternoon and God be with you, horseman."

"The very same to you, beggar."

"And why is the horseman standing here, and what is he waiting for?"

"For beggars coming from abroad."

"And why does he need the beggars?"

"The king has commanded, and he observes the king's command."

"And why does the king need the beggars?"

"Because of something that happened."

"And what?"

"It would take so long to tell the story." But he *had* to tell and he *ought* to tell, and if the beggar so wished and desired, he should listen to him and give him some time.

And Bovve agreed, and Bovve silently stood before the horseman and the horse, and the horseman remained above, not changing his place and not changing his seat, and silently and with a fieldlike voice, dull and as though unaccustomed to speaking, he began to tell his story, and this is what he told:

## 14.
## *The Horseman's Story*

Our king was strong and powerful, his might and his voice made generals and armies tremble, his pride and appearance made the people kneel before him, his word and command made mouths and ears harken, and his will and wishes had no bounds and no borders . . . .

Now one day, the king desired: Wherever there were strong men and athletes in his land, let them be brought to his capital, he wanted to wrestle with them, and show everyone his strength. And it was announced throughout the country and throughout the kingdom, and riders rode out from the capital and announced the news in the nearby cities, and the nearby cities spread the news to the farther cities, and the farther ones to even farther ones, and thus on and on, and until the news had reached all the corners of the kingdom, and until the will of the king had reached all the borders.

And thus it was, and from every far-flung nook and cranny, they gathered the strongest and the most powerful; and whoever had a name in his town, and whoever had renown in his village, was selected and given enough for all his expenses and needs: And they were to go and they were to travel, and they were to test them-

געגעבן גאָרנישט. איז מען אזוי געשטאַנען און געוואַרט געדולדיג, און רעדלאַך מיט רעדלאַך, און בינטלאַך מיט בינטלאַך — און דער עולם איז אַלע מאָל אַלץ שטילער און שטילער געוואָרן, און די אויגן און די אויערן אַלץ נייגעריגער און אַלץ וויסנס־דאָרשטיגער; האָט מען גערעדט און זיך אײַנגעהערט איינס צום צווייטן, און יעדער רעדל האָט זיך זיין איינעם געהאַט, און יעדער רעדל האָט זיך צוגעהערט צו זיין איינעם. איז מען אַזוי פאַרטאָן געווען און צווישן זיך געשמועסט, און אַזוי און זיך־פאַרשמועסנדיג און כמעט ווי אָן פּאַלאַץ שוין פאַרגעסנדיג, האָט זיך פּלוצים און פון אויבערשטאָק פון פּאַלאַץ אַ טיר אויפגעעפנט, אַ טיר און וואָס אויף אַ גאַניק פירט אַרויס, און וואָס אויף יענעם גאַניק אַליין דער מלך נאָר אַמאָל באַווייזט זיך, האָט זיך אַצינד נאָר אַ באַדינער באַוויזן, און דאָס פּנים ביי אים איז עטוואָס אויפגעלייגטליך און שמייכלענדיג געווען, און די אויגן ביי אים אין פּנים געשיינט און פריילעך געווען פון עפּעס, אָבער דאָך אַליין דער דינער, זיין אַרויסגיין און דאָס נישט אַיילנזיך פון זיין אַרויסגיין, האָבן עפּעס נישט אויף קיין שמחה און אַלנפאַלס נישט אויף קיין גאַנצער שמחה עדות געזאָגט. זיך באַוויזן, איז ער פון דער טיר אַרויס און אויפן גאַניק און צו דער פאַרענטשע צו, איז ער צוגעגאַן און זיך איבערגעבויגן איבער דער פאַרענטשע, און אַזוי און זיך איבערבויגנדיג, און אויסוואַרטנדיג און ווי דעם גאַנצן עולם צונויפזאַמלען וועלנדיג, האָט ער אים צונויפגעזאַמלט, האָט ער זיך דאַן געווענדט צו אים און אַזוי און זיך ווענדנדיג, זיך אָפּגערופן און אַזוי געזאָגט:

— זייט וויסן, עולם, דער פּאַלאַץ איז אייך מודיע: — די מלכּה איז איבערגעקומען בשלום, און האָט אַ קינד געבוירן, אָבער, דאָס קינד איז אַ טויטס אַרויס, דאָס קינד איז ניט קיין לעבעדיגס אויף דער וועלט געקומען.

אָפּגעזאָגט און זיך אויסגעדרייט, און צוריק און אין דער טיר, און צוריק, און פון וואַנען ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַרשוואונדן.

און אַזוי איז טאַקע געווען: די מלכּה האָט מיט די לעצטע כּוחות דאָס קינד אויף דער וועלט געבראַכט, איז זי באַלד נאָכן האָבן פון קינד, ווי טויט און אין חלשות ליגן געבליבן, האָבן זיך צו איר באַלד און אַ לאָז און אַ וואָרף געטאָן די דאָקטוירים, האָבן זיי זי געמונטערט און מיט אַלץ, וואָס מען מונטערט אין אַזוינע פאַלן, האָבן זיי זי אויפגעמונטערט, איז זי צו זיך געקומען, די אויגן געעפנט, און באַלד און אַרום זיך אַרומקוקנדיג, און באַלד און נאָך די אויגן־עפענען, האָט זי זיך צו די, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט, געקערעוועט און זיי אויפן קינד אַ פרעג געטאָן:

— דאָס... קינד?...

— דאָס קינד איז ביי די באָבעס — האָט מען איר געענטפערט.

און דאָס קינד איז טאַקע ביי די באָבעס געווען, און פון איין האַנט צו דער אַנדערער איבערגעגאַן, ווייל דאָס קינד איז אַ טויטס געבוירן, און די באָבעס האָבן דאָס פּאַטשן און מונטערן גענומען, האָט זיך עס דער ערשטער נישט אײַנגעגעבן, האָט זי עס דער צווייטער איבערגעגעבן, און אַ יינגערע האָט דאָס אַן עלטערער איבערגעענטפערט, און אויך די עלטערע האָט דאָס געפּאַטשט־געמונטערט, און דאָס קינד האָט שוין ווען־ניט־ווען מיט אַן איברל אַ ריר געטאָן, אָבער באַלד צוריק און ווידער פאַרלוירן דאָס איברל, — אַ מאָל אַן אויגל געעפנט, און מיט אַ הענטל אַ מאַך געטאָן, און באַלד צוריק דאָס אויגל פאַרמאַכט און באַלד און דאָס הענטל צוריק אַראָפּגעלאָזט; האָט מען עס געוואָרפן פון האַנט צו האַנט, האָט מען עס מיט שפּילקעס געשטאָכן און מיט ליכט געברענט, האָט זיך עס אַלע ווײַלע אויפגעכאַפּט און באַלד און ווידער טויט אַנטשלאָפן געוואָרן; האָבן שוין די באָבעס וואָס צו טון מיט דעם נישט געוואוסט, צו דעם די דאָקטוירים גערופן, און זיי האָבן דאָס באַטראַכט און ערנסט דאָס באַקוקט און פון אַלע זייטן דאָס אַרומגעזעהן: — און טויט און ווי אַלע טויט־געבוירענע, און דאָך, און עפּעס פּאָרט ניט ווי אַלע, — האָבן זיי נישט געוואוסט, זיינען זיי אַלע און דאָך צו איין דעה געקומען, אַז דאָס קינד איז קיין לעבעדיגס, און אַלע האָבן זיך פון דעם שוין אָפּזאָגן געוואָלט; אַליין נאָר די באָבע, די וואָס האָט דער מלכּה דאָס כּישוף־גראָז געגעבן, האָט זיך ביי אירן און ביי איר באַזונדער דעה געהאַלטן: — ניין, און איין מאָל ניין, דאָס קינד איז אַ לעבעדיגס, דאָס קינד האָט אין זיך לעבן אינעווייניג, און די דאָקטוירים ווייסן נישט, ווייל דאָקטוירים האָבן זיך נישט געמאַכט אַזוינע פאַלן...



you, and I have a healing for your dread, and you know my solution, and you know my method from my tale."

And now Bovve undid his pouch, and from there he took out the wolf's tooth to be hung on a string to be hung around the neck, and he reached out and handed it to the king, and with it he addressed the king:

"Put it on, Your Majesty, and let it hang on you and on your neck, and I am certain and I am confident that this is your healing, that this is your sure remedy, and let your servants, Your Majesty, give me a place in one of your rooms, for me to spend the night and spend some time with you, because I want to pass the time until you regain your health, until you recover with my remedy. And today, and this very night, your sleep will return to you, and the fears and terrors will vanish from your slumber . . . . Put it on . . . ."

The king obeyed Bovve and his words, he took the wolf's tooth from his hand, and hung it on the string, and hung the string around his neck, and then he smiled, a faithful and believing smile, a good and confident smile: And let him only recover, and Bovve would see his kindness and reward, and meanwhile, and he thanked him kindly, and meanwhile, and he believed in the remedy.

And now the king clapped and summoned a servant, and a servant appeared in the room, and the king told the servant to take Bovve to a room for the night, and to prepare everything and take care of everything, and provide him with everything he needed and all comforts, and in the morning, and the servant was to be ready in the morning, and ready to attend upon Bovve's needs.

And Bovve was taken to a room, and Bovve was shown everything, his bed for the night, his bed linen, and he was provided with everything, royally and regally, and then, and after preparing everything and providing everything for Bovve, the servant stole out of the chamber, leaving Bovve to his own devices. And Bovve undressed, and for a while and a length of time, he lay in a soft bed, and tired and drained, he forgot himself, and not even turning and not even tossing, but lying as he lay, and forgetting himself, he dozed off into the night and into his fatigue.

And in the morning, and when Bovve opened his eyes, and he saw the broad daylight through the window, his limbs still felt the fatigue and the long wandering, and he didn't feel like getting up, but then he remembered the place where he was and what he had promised the king and assured him, and that he had told him he would be sure to fall asleep, and that with that night, which had just passed, he would have his restfulness and his healing. Bovve remembered, and Bovve arose from his bed, and got off his bed, and he put on his clothes, and then he clapped his hands and summoned a servant. And the servant quickly came. And the servant asked him his wishes and desires, and then he hurried to fulfill them. And Bovve washed and cleaned himself, and Bovve made himself ready, and in case the king were to summon him, and when he had eaten up and had drunk up what the servant had served him, he really did receive an order, through another servant, that the king indeed had called for him, and that he was to come to the king immediately.

And Bovve didn't hesitate, and he came in to the king, and Bovve halted at the threshold, and scarcely recognized the king, for the king looked rested and relaxed this morning and from the night that preceded it, and his eyes sparkled and smiled and brightened, and he felt glad and he felt cheery, and his body and his bearing radiated gladness and cheer. And smiling, he turned to Bovve and said, wishing him a good morning and blessing him:

"Good morning, Bovve, you beggar!"

"Good morning to you, Your Majesty!"

And the king told Bovve about his night and how he had spent it, and how he had rested and slept in its restfulness, and never dreaming a single dream and never seeing a single nightmare. And thus he spoke, and full of good cheer, and he gazed at Bovve in love and gratitude, and felt closer to him and nearer to him, and thus, and whiling the morning away, and chatting with Bovve for a while, he gave him leave to leave his chambers: and he could go and do as he wished, and he could be free and spend his time as he wanted to, and only return during the day, at noon, and only come back absolutely at lunchtime.

And Bovve obeyed, and Bovve then took his leave of the king, and Bovve strolled around the court, and Bovve had a look at the palace and the palace environs, and thus an hour, and thus another, and more and more, and longer and longer, and then, and when it was time and it was noon, Bovve returned to the palace and to his room, and waited for the king's order and waited for the king to summon him to lunch.

And then the king sent for Bovve, and he called for him through a servant, and Bovve was brought to the dining room, and Bovve was offered a place of honor, and the dining table was already set,

און דאָס קינד האָט מען אין דער זייט אַוועקגעלעגט, און מיט דער מלכּה שוין נישט גערעדט פון דעם קינד, און די מלכּה האָט שוין אַליין פאַרשטאַנען, און אויך דער מלך האָט, אויף די באָבעס און אויף די דאָקטוירים קוקנדיג, זיך אָנגעשטויסן. האָבן זיי געשוויגן און נישט געזאָגט זיך גאָרנישט, דער מלך מיט דער מלכּה, איז דער מלך נאָר פאַר דער מלכּהס בעט און פאַר איר געלעגער געקומען, און געשטאַנען ביי איר און געקוקט אויף איר, און געטרויערט איבער איר און אויך זיך אינאײנעם מיט איר באַדויערט; אַזוי געשוויגן און זיך געזאַמט אין שווייגן, און דאַן, און ווי זיי זיינען אַזוי געשטאַנען און געקוקט און באַטראַכט זיך איינס דאָס צווייטע, אַזוי איז צום בעט פון מלכּה אויך די באָבעדי, וואָס האָט איר דאָס גראָז געגעבן, אונטערגעקומען, און שטיל און פאַר דעם מלך און מלכּה זיך אַוועקשטעלנדיג, האָט זי זיך צום מלך געקערעוועט און אַזוי געזאָגט:

— און איך, מלך, האַלט זיך ביי מיינעם, דאָס קינד איז אַ לעבעדיג־געבוירנס, און דאָס קינד האָט לעבן אין זיך, און אברימלאַך ביי דעם רירן זיך, און גלידערלאַך ביי דעם כאַפּן זיך אויף פון מאָל צו מאָל, און דאָס קינד איז נישט אויף צו מיאש זיין און דאָס קינד איז נישט קיין פאַרפאַלנס, און זאָל דער מלך ביי זיך נישט אַראָפּפאַלן און זאָל ער מיין עצה הערן.

און דער מלך האָט זיך צו דער באָבע צוגעהערט, און די מלכּה האָט אין דער באָבעס רייד געגלויבט, און די מלכּה האָט דער באָבען רשות געגעבן, און זאָל זי טון און וואָס זי געפינט פאַר נויטיג צו טון. האָט זיך די באָבע דאַן אַ צווייט מאָל צום מלך געווענדט, זיך אָנגערופן און אַזוי געזאָגט:

— מלך, און לאָז דער שטאָט וויסן, און זאָל פאַר דיר בעטן די שטאָט, און הייס אַ טרויער אויסרופן, און זאָל מען אויף טיר און טויער שוואַרץ־פאָנען אויפהענגען, און זאָל מען אַלע זעהן די פאָנען, או ווער עס האָט אַ הילף פאַר דיר, זאָל דיר די הילף ברענגען — און האָף צום הימל. און איך גיי צום קינד.

און די באָבע האָט זיך פון מלך אָפּגעקערעוועט, און די באָבע איז צום קינד אַוועקגעגאַן, האָט זי זיך צו דעם גענומען, און אַליין און נישט אונטערגעהאָלפן פון קיינעם, ווייל אַלע באָבעס האָבן זיך דאָ שוין אָפּגעזאָגט און אַלע העלפערינס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון העלפן, האָט זי מיט דעם געטאָן, און וואָס האָט אַליין געוואוסט, און אויך די סגולות, וואָס זי האָט פון אַנדערע און עלטערע בירושה געהאַט, האָט זי זיך מיט דעם געפּאָרעט און אַ צייט אַ לאַנגע; און אויך דער מלך האָט, ווי זי האָט אים געהייסן טון, געטאָן, און אויף דער שטאָט אַ טרויער באַפוילן, און אויף אַלע טירן און טויערן טרויער־פאָנען אויפהענגען; האָט מען אים געפאָלגט, האָבן זיך פאַר אַלע הייזער און פאַר אַלע מויערן די פאָנען באַוויזן, און אַלע גאַסן און אַלע געסלאַך האָבן זיך אין שוואַרצן אָנגעטאָן, און אַלע מענשן און אַלע אַיינוואוינער פון שטאָט האָבן זיך דערפון דערוואוסט, און באַלד אויפן מלכס אומגליק בעטן גענומען. און אָט דאָס איז דער טרויער, און אָט דאָס האָט זיך מיט אונזער מלך געטראָפן, און אָט דאָס זיינען די פאָנען אַרויסגעהאַנגען, און אָט דאָס האָסט דו געזעהן אין שטאָט.

און דערמיט האָט דער אַלטער זיין מעשה פאַרענדיגט.

— און ווי לאַנג האָט זיך עס געטראָפן מיט דער מלכּה?

— האָט בבא ביים אַלטן געפרעגט.

— ערשט נעכטן.

— און דאָס קינד?

— דאָס קינד איז אויך אַצינד, ווי נעכטן, דאָס קינד איז אין זעלבן שטאַנד נאָך איצט, און די אַלטע באָבע טרעט ניט אָפּ דערפון: זי האָפט.

— אויף וואָס?

— אויף אַ הילף און אויף דעם העלפער. דער העלפער זאָגט זי, קאָן נאָך קומען.

— ביז וואַנען?

— ביזן דריטן טאָג.

— און אויב שפּעטער?

— איז פאַרפאַלן. און מאָרגן איז דער דריטער.

האָט זיך בבא פאַרטראַכט און מער שוין נישט געפרעגט ביים אַלטן, האָט ער דער מעשה נאָכגעדענקט און שטיל און אויף זיין אָרט געבליבן. איז שוין דעמאָלט אין שטיבעלע ביים אַלטן דער פאַרנאַכט און דאָס טונקלקייט דאָס פאַרנאַכ־





and covered with all the best and finest foods, and the repast was waiting for guests, and wines were sparkling their bottles. So Bovve sat down, and next to him and all around, courtiers and friends of the king were sitting. The others began to talk to him, and before the king could appear at the threshold, and they inquired about Bovve's country and Bovve's home, and what life was like there, and how things were, and about the customs and traditions. And Bovve told them about his country, about his land and other lands that he had seen and he had passed through, and he made a good impression on the guests, and they liked him and they felt warmly toward him, especially when they heard why he was here and why he had come, and that he had brought a remedy for the king, as of that night, the very first, and the king felt fine and dandy, and today, and this was the very first time since his illness began, that he had invited his friends and was having a banquet with them, and so they loved Bovve even more, and they surrounded him with even more respect and attention, and they asked him about everything and about his entire life, and Bovve answered and replied to their questions.

And then, a door leading from another room into the dining hall opened, and the king himself appeared, he who had been isolated and not seen for so long, but now he looked fine and kingly, just as he had looked before his illness, slightly under the weather and slightly estranged, but he was back, and back as ever, and slowly recovering his health. He appeared, and the lords and the friends of the king at their places and at their chairs stood up and remained standing, and encountered the king, and Bovve too, he too, was among the standing lords. And the king looked at the company and at the guests who were gathered here, and first he wanted to see one man, one special guest, and he saw him then—Bovve. And the king strode over from the threshold, and the king strode over to Bovve, and his face shone upon Bovve, and he greeted him, and he smiled at him, and he led him from his place to another place, and then, and telling him to sit down in this new place, the king turned to the lords and to his friends, and greeting all of them and then each in turn, he hailed them and expressed his friendship to all:

"Greetings, lords," the king then said, "greetings, and for such a long time, of not seeing one another and my not appearing in your company—but you know the reason, and the fault is not the king's. And know, lords, that the king would not be with you now, and I would not be seeing your faces or you mine, if it hadn't been for this man, if it hadn't been for this best friend of the king."

And the king told the lords what they already knew, what they had found out from the servants when summoned to the king, when they had asked the reason why they were summoned, and the servants had told them the reason. The king told them a second time, and the lords listened with respect, and they were glad and they were cheerful, and they kept looking at Bovve, the benefactor to the king. When the king had finished telling the story, he turned to Bovve and found him where he had shown him his place. And then the king signaled to the lords, and the lords sat down wherever they sat whenever sitting at a feast. And sitting down, and quietly, and respectfully, but amicably, as ever, they began the banquet, the beautifully prepared and quietly readied feast.

And the company ate, and the company chatted, and the company drank and exchanged all the news, all the new things that had happened in the capital, and all the events that had occurred throughout the land, and not only their country, but other countries, nearby and far away, and all the things that people, passing through, had told. And the king was interested in all the news, and kept asking the tellers and inquiring about everything, and letting nothing slip by, and hearing all that was vital and crucial. And thus, and hearing the news, and thus, and feeling of good cheer, the king kept remembering Bovve, and turned to him as well, and thus, and addressing him, he chatted with him every time, and kept drawing him into the general conversation.

And thus they chatted through the banquet, and the feasting lasted well into the night, and didn't end until day was past and darkness was come. And then they got up from their lengthy sitting, and they took their leave of the king, wishing him a speedy recovery and a total recuperation. And then, and after nodding his head and bowing his head to everyone, the king left the dining hall and went to his chambers, and Bovve went to *his* room to spend another night in the palace, and the lords went home, and each to his family and to his household.

And the king slept that second night too, and he spent that second night, too, in sleep, and the king was becoming better and better, and every day made him healthier and healthier. And a week went by, and two weeks wore by, and the king returned to his earlier condition, and his interest returned in the kingdom and in ev-

יין רייכן און מיט גאָלד־פּליטערלאַך באַשיינטן; און ווי נאָר ער מלך פלעגט זיך פאַר אים מיט זיין הויך און שטאָלץ פאָרשטעלן, מיט זיין קערפּער און פעסטקייט קערפּערליכן, יט זיין פאָראויס־טרעטנדיגן און מיט זיין פאַרזיכערטקייט אויף געוויסן, און ווי דער מלך פלעגט דאַן אַזוי מיט זיין טראָט דעם דרייסטן צום גבור זיך דערנעהענטערן און מיט זיין בטיחות און אויפגעהאַלטנקייט אַנטקעגן און פאַר זיין פּנים קומען, — אזוי פלעגט דער גבור באַלד זיין מוט און זיין גבורדיגקייט פאַרלירן, אַזוי, פלעגט ער זיך באַלד פאַר איינעם פון פאָלק, פאַרן מלכס אַן אונטערטעניגן און צו אים אַ געהאָרכזאַמען זיך דערפילן, און דאַן, און אַז דער מלך פלעגט צו אים זיין האַנט און אויף אָנהויבן, אויף מיט אים זיך אָננעמען און אויף זיך־ראַנגלען אויסשטרעקן, אַזוי פלעגט דער גבור אים שוין נ י ש ט קיין הענט און נישט קיין גבורדיגע, נישט קיין פאַרזיכערטע און נישט קיין באַגלויבטע־אין־זיך דעם מלך צוריק דערלאַנגען, נאָר ווי אַ פּאָר קנעכט און אַ פּאָר שוואַכע און מיט נאָכגעגעבנקייט און מיט אָפּגעלאָזנקייט מיט גרויסער, און מיט אַ פּנים צום מלך קוקנדיג, און מיט אויגן מיט אָהנמוטיגע און שוין אָהן דרייסטקייט פאַרן מלך; פלעגט אים דאַן אַ נעם טון דער מלך, פלעגט ער אים — איינס און צוויי — און ווי ער האָט געוואָלט, און ווי פאַר אים איז בעסער געווען אים אָננעמען, אים אַזוי געהאַלטן און געקוקט אויף אים אַ ווײַלע, אים נאָך גרויסמוטיג און ווי נאָך צייט געגעבן, אויף זיך צו באַדענקען און ווי אויף צו ז י ך קומען, פלעגט זיך דער גבור באַלד באַדענקען און אָן זיין לאַגע און אָן זיין באַרוף זיך דערמאָנען, איז שוין אָבער דעמאָלט שפּעט געווען: דער מלך האָט דעם ערשטן טראָט שוין צו זיין גונסטן געמאַכט, דער מלך האָט די פאַרלוירנקייט פון גבור און פון די ערשטע מינוטן שוין אויסגעניצט; איז דער מלך אַצינד שוין



דער אָנהויבער און דער מאַכט־האָבער, דער אָנטרעטער און דער פון דער בעסערער לאַגע געווען, האָט ער אים אַ נעם געטאָן און אַרומגענומען, און אַ ווײַלע און צוויי און פאַרן עולם אים געהאַלטן, — און באַלד און נאָכן אַרומגענומען־ווערן פון גבור, פון מלכס קלעם און פון מלכס צאַמען אים אין קרעפּטיגקייט, האָט שוין דער עולם אויך זיין רוקן־ביין זיך בויגן און אין אַלע זייטן זיך דרייען געזעהן, ווי דער מלך האָט אים אין איין זייט געדרייט, און ווי ער האָט אים אין דער צווייטער זייט געבויגן, און דער גבור האָט זיך געלאָזט, און דער גבור האָט זיך געמוזט לאָזן, — און דאַן, און נאָך אייניגע מינוטן אַזוינע, און דעמאָלט, און נאָכן געניטקייט און אָהנמעכטיגקייט פון גבור, און דער גבור האָט שוין שוואַך און ווי אונטערגעבראָכן אויף צוריק און אויף דער פּלייצע זיינער זיך איבערגעבויגן, און דער מלך דאַן א י ב ע ר אים, און דער מלך האָט שוין אויף זיין מאַכטלאָזיגקייט געשמייכלט...

און דער מלך האָט איינגענומען, און דער עולם האָט געפּלעסקעט דעם מלך, און דער גבור איז פאַרשעמט געווען, און דער גבור האָט זיך אויפשטיין געשעמט, און דער עולם האָט זיך אָפּגעקערעוועט פון גבור, אום אים אין בושה נישט צו זעהן און אום אים אַליין אויף אויפהויבן זיך צו לאָזן, — און אזוי תמיד, און אַזוי אַלע מאָל, און אַזוי פון צייט צו צייט און אַלע מאָל מיט אַן אַנדער גבור, און דער מלך האָט איינגענומען אַלע, און דער מלך איז פון אַלע ראַנגלערייען און מיט נצחון אַרויס, און די גבורים מיט בושה גרויסער, און די גבורים האָבן זיך איינס פאַרן אַנדערן געשעמט, ביז איין מאָל...

און געווען איז דאָס שוין ביים לעצטן מאָל, און אַלע גבורים זיינען אין הויפּטשטאָט נאָך געווען, ווייל קיינער פון זיי האָט נאָך קיין ערלויבעניש, אום די הויפּט־שטאָט צו פאַר-



לאָזן, נישט באַקומען, איז פון זיי נאָך נישט אָפּגעפאָרן קיינער, און דער מלך האָט זיי געלאָזט אומיסטן, אום פאַר זיי און פאַר אַלעמען און מיטן לעצטן נצחון זיך צו באַרימען, האָט ער זיי אַלע זיין גרויס און גבורה ווייזן געוואָלט, האָט ער אַ באַפויל געגעבן, האָט דער מלך איבער דער גאַנצער שטאָט און אויסרופן געלאָזט: דער מלך וויל זיך צום לעצטן מאָל ראַנגלען, אָבער איצטיגס מאָל נישט נאָר פאַר די הויף־לייט זיינע, נאָר אויך פאַרן ג אַ נ צ ן פאָלק; און זאָל קומען, ווער סע וויל, און זאָלן יונג און אַלט קומען, און אַלע דאַרפן צום ראַנגל־אָרט צוגעלאָזט ווערן, און אויך די גבורים אַלע די שוין איינגענומענע און נאָך נישט אָפּגעפאָרענע, זאָלן זיין.

איז אַזוי געווען: און דער טאָג איז באַשטימט געוואָרן, און די צייט פון לעצטן גבור־ראַנגל איז געקומען, און דאָס פאָלק האָט זיך צונויפגעקליבן, און אויך די הויף־לייט און אַלע נאָהענטע פון מלך, און אויך די גבורים, און פאַרן אָפּפאָרן פאַר זייערן, האָבן אין דער גאַנצער צאָל און מיטן גאַנצן בינטל זייערן זיך צונויפגעזאַמלט.

און ס'איז געווען, און א ו י ך דעם לעצטן גבור האָט מען זייפן און באַשיטאַכצן געגעבן, אום די הענט גלאַט צו מאַכן און אום דערנאָך זיי אָפּצוטריקענען נאָכן גלאַט־ווערן, האָט מען אויך אים און ווי אַלע פריהערדיגע אָנגעטאָן, אין גרינגן און אין לייכטן, אין לייב־קאָלירענעם און וואָס מ'טראָגט בשעת ראַנגלען, האָט מען אויך אים נאָכן אָנטון אויף דעם ראַנגל־אָרט, וואו דער מלך דאַרף זיך ווייזן, אַרויסגעפירט; איז ער אַרויסגעגאַן, דער גבור, האָט דער עולם אים באַטראַכט און באַוואונדערט אין זיין גבורה, ווייל — נישט־געוויינליך שטאַרק און פעסט־געבויט איז ער געווען און אַ קערפּער און אַ זעלטענעם האָט געהאַט, און הויך און ווי אַ שטאַם פון בוים איז געשטאַנען, אַ גלייכער און אַ שטאָלצער, מיט אַ נישט־גערירט-



קייט און מיט אַ האַלטן־זיך פון אַ שטאַם; האָט ער זיך אַרום זיין אָרט, אַרומגעקוקט, און אויפן עולם אויפן גרויסן, וואָס האָט זיך פאַר זיינע אויגן צונויפגעזאַמלט און אים באַטראַכט און אויף אים געקוקט מיט פאַרוואונדערונג; האָט ער געשמייכלט און שטאָלץ געווען און פאַמעליך די הענט געריבן און אויף דער מינוט פון מלכס אַרויסקומען געוואַרט. און גבורים האָבן צו אים פון זייערע ערטער געוואונקען און אים געלערנט און אים עצות געגעבן מיט זייערע אויגן־בליקן; האָט ער זיי געפאָלגט און געטאָן, ווי זיי האָבן אים געעצהט. האָט זיך דאַן און אין אַ פּאָר מינוט אַרום, ווי אַלע מאָל, אויך דעמאָלט, דער קלונג אין דער טאַץ דער געוויסער, דערהערט, און נאָך דער ערשטער מינוט — דער צווייטער, און נאָך דעם צווייטן איז אויך דער דריטער געקומען, — און דאַן, און אַז דער דריטער קלונג האָט געקלונגען, האָט זיך דער מלך און אויך דעמאָלט פון אַן אָרט, און פון פריהער נישט קיין גערינכטן, זיך אַרויסגעוויזן, און נאָך שענער און נאָך שטאַלטנער, און נאָך רייכער און נאָך אויסגעפּוצטער ווי אַלע מאָל, — און דער מלך האָט זיך אַנטקעגן גבור אַוועקגעשטעלט, און דער מלך איז אַנטקעגן זיין געגנער שטיין געבליבן.

און דערזעהן האָט דער מלך ד אָ ס מאָל, פּנים אל פּנים מיטן גבור זיך באַגעגענענדיג, ווי נ י ש ט ווי אַלע און ווי נישט די פ ר י ה ע ר ד י ג ע גבורים זעהט איצט דער גבור אויס; עפּעס רוהיגער און געזיכערטער, געלאַסענער און אויפגעהאַלטענער האָט דער גבור איצט דעם מלכס זיך־אַרויסווייזן און אָנקומען באַגעגנט, און כ אָ ט ש פאָלקיש־אונטערטעניג, און כאָטש כבוד־מלכות אים אָפּגעבנדיג, אָבער דאָך זיין חוב און זיין זאַך געדענקענדיג: וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, און אַז דערויף איז דאָך געגאַנגען, און אַז דער מלך האָט דאָך אים אַרויסגערופן, און דער מלך אַ ל י י ן האָט אים אויף

